בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קל"ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת וישב שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת עֵקֶב שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### מְחַזֵּק זַיין מְלַמְּדִים אִיז בַּיי מִיר דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, עֶס אִיז פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָה אַז אִיךְ קֶען עֶנְק מְחַזֵּק זַיין אוּן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין עֶנְקֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג טוּ אִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַסַאךְ זַאכְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶּער דָאס אַז אִיךְ קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט פוּנֶעם טָאג צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים - אִיז בַּיי מִיר דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ.

מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:) אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי יוֹסֵי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"יְהֵא חֶלְקִי מֵאוֹכְלֵי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת בַּשַּׁבָּת"**, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס עֶסְן שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת, נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **"יְהֵא חֶלְקִי מִמִּתְפַּלְּלִים עִם דִּמְדּוּמֵי חַמָּה"**, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט דִי וָואס דַאוֶונֶען וָתִיקִין, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט נָאךְ עֶטְלִיכֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר וִויל הָאבְּן אַ חֵלֶק. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"יְהֵא חֶלְקִי - אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאֲרן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן"**.

### פַארְוָואס קוּמֶען קִינְדֶער אִין חֵדֶר?

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים. אַסַאךְ מָאל בּוֹיעֶט זִיךְ אַ מְלַמֵּד אוֹיף אַ בִּנְיָן אִין זַיין מֹחַ אוֹיף אַ קִינְד, אַז דֶער קִינְד קוּמְט אִין חֵדֶר נָאר כְּדֵי מִיךְ אוּנְטֶער צוּ בְּרֶענְגֶען, מִיךְ אוֹיסְצוּרַייסְן אוּן מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן מִיר, זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; קַיין אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט אִין חֵדֶר כְּדֵי צוּ פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיטְן מְלַמֵּד. קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר בְּלוֹיז וֶועגְן אֵיין סִיבָּה, וַוייל דִי מַאמֶע הָאט זֵיי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְן בָּאס אוּן דִי בָּאס הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין חֵדֶר...

וֶוען אַ מְלַמֵּד זִיצְט אִין כִּתָּה אוּן עֶס זֶעט אִים אוֹיס אוֹיף אַפָּאר קִינְדֶער אַז זֵיי הָאבְּן דָא אַ צִיל אִים צוּ מְצַעֵר זַיין אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען זַיינֶע קִישְׁקֶעס... זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶס אִיז בְּלוֹיז אַן אַיינְרֶעדֶענִישׁ, וַוייל דִי קִינְדֶער הָאבְּן גָארְנִישְׁט קֶעגְן דֶעם מְלַמֵּד, זֵיי ווִילְן פָּשׁוּט טוּן דָאס וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט טוּן אַלְס קִינְד וֶוען עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין חֵדֶר... דִי קִינְדֶער וָואס עֶס קוּקְט אוֹיס אַז זֵיי ווִילְן דִיךְ אוֹיסְרַייסְן, מֵיינֶען בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט קִינְדֶער, אוּן קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ לִיבּ צוּ שְׁפִּילְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען.

אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ פִּינְקְטְלִיךְ וִוי שְׁטַארְק אִיךְ הָאבּ לִיבּ גֶעהַאט זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן אִין חֵדֶר; אוֹיפְן וַואנְט אִין מַיין כִּתָּה הָאט גֶעהָאנְגֶען אַ גְרוֹיסֶע זֵייגֶער, אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְצְן טָאג גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעמַאכְט מִיט חָכְמָה כְּדֵי מַיין מְלַמֵּד זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען פָארְהַאלְטְן: 'אָהָ, דוּ קוּקְסְט שׁוֹין וַוייטֶער אוֹיפְן זֵייגֶער, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין, דוּ הַאלְסְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען...' אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטְרַאכְט: 'וֶוען גֵייט שׁוֹין וֶוערְן הַפְסָקָה? וֶוען וֶוערְט שׁוֹין מִיטָאג אוּן מֶען גֵייט שׁוֹין קֶענֶען שְׁפִּילְן'.

יֶעדֶעס קִינְד הָאט זִיךְ זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר טְרַאכְט, אוּן זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר לֶעבְּט זִיךְ אִין זַיין וֶועלְטְל, אָבֶּער עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז דָאס קִינְד אִיז אַ שְׁלֶעכְט קִינְד.

### מִיט אַ קוּרְצֶע שְׁמוּעֶס קֶען מֶען כַאפְּן אַ קִינְדְ'ס הַארְץ

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶטְץ זָאלְטְס לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, טְרֶעפְן גוּטְס אִין יֶעדְן קִינְד אוּן טְרֶעפְן אַ מַהֲלָךְ צוּ יֶעדְן קִינְד.

## דֶער קִינְד אִין זַיין וֶועלְטְל

מִיט אַ קוּרְצֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַ קִינְד, קֶען מֶען כַאפְּן זַיין הַארְץ עֶר זָאל זִיךְ וֶועלְן אוֹיפְפִירְן ווּאוֹיל, דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג מֶען זָאל כַאפְּן אַ שְׁמוּעֶס מִיט יֶעדְן קִינְד פוּן צַייט צוּ צַייט. אַ שְׁמוּעֶס מֵיינְט נִישְׁט פוּן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן צֶען מִינוּט, עֶס אִיז גֶענוּג אַ שְׁמוּעֶס פוּן אַפָּאר וֶוערְטֶער, מֶען פְרֶעגְט דֶעם קִינְד: **"וָואס טוּט זִיךְ? וָואס הֶערְט זִיךְ? וָואס מַאכְסְטוּ?"** וַוייל וֶוען אַ קִינְד זֶעט וִוי זַיין מְלַמֵּד אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ אִין אִים, מַאכְט דָאס עֶר זָאל זִיךְ וֶועלְן אוֹיפְפִירְן ווּאוֹיל.

אוֹיךְ קֶען דֶער שְׁמוּעֶס צוּהֶעלְפְן אַז דָאס קִינְד זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען פַארְן מְלַמֵּד אוּן דֶערְצֵיילְן אוֹיבּ עֶס שְׁטֶערְט אִים עֶפֶּעס. אַ מְלַמֵּד פוּן דִי דְרֵיי יֶערִיגֶע קִינְדֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִינְגֶל פוּן זַיין כִּתָּה אִיז אֵיין טָאג גֶעוֶוען זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיג, עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן גֶעמַאכְט קְרִיגֶערֵייעֶן, הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן דֶעם קִינְד אִין אַ זַייט אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: **"פַארְוָואס שְׁלָאגְסְטוּ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער?"** זָאגְט דֶער קִינְד: **"דֶער רֶבִּי זָאל מִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן, וַוייל מֶען שְׁלָאגְט מִיךְ שׁוֹין אִינְדֶערְהֵיים וֶועגְן אִיךְ בִּין נִישְׁט ווּאוֹיל וֶוען מֶען הֵייסְט מִיר גֵיין שְׁלָאפְן"**. הָאט דֶער מְלַמֵּד שׁוֹין פִּינְקְטְלִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דָאס קִינְד אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער אִין כִּתָּה, וַוייל וֶוען אַ דְרֵיי יֶערִיג קִינְד זָאגְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, מֵיינְט דָאס אַז עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִינְדֶערְהֵיים פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

### דִי חֶבְרָה'לַייט קֶענֶען וֶוערְן דִי בֶּעסְטֶע קִינְדֶער

דֶער מְנַהֵל לָאזְט מִיר יֶעדְן טָאג אִיבֶּער אַ הוֹדָעָה מִיט אַלֶע נַייעֶס וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין חֵדֶר. אֵיין טָאג דֶערְצֵיילְט עֶר אַז מֶען קֶען

זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אֵיין אִינְגְל, אוּן עֶר זָאגְט מִיר דֶער נָאמֶען פוּנֶעם קִינְד; דֶער אִינְגְל אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אוּן אַ חֶבְרָה'מַאן... טְרַאכְט אִיךְ צוּ זִיךְ: 'אַזַא שָׁאד אַז מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט דֶעם קִינְד, מֶען דַארְף פָּשׁוּט נָאנְט וֶוערְן מִיט אִים, אוּן רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, אוּן עֶר גֵייט וֶוערְן דֶער בֶּעסְטֶער תַּלְמִיד'.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי 'מְצֻיָּנִים' וָואס זֶענֶען גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְן טִישׁ אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט פוּן פְּלַאץ - אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן; דִי לֶעבֶּעדִיגֶע חֶבְרָה'לַייט זֶענֶען גֶעוֶוען מַיינֶע בֶּעסְטֶע תַּלְמִידִים, וַוייל אֵיין מָאל מֶען וֶוערְט נָאנְט מִיט זֵיי, שְׁטֶעלְן זֵיי זִיךְ צוּ אוּן זֵיי וֶוערְן זֵייעֶר גֶעטְרֵיי פַּארְן מְלַמֵד.

אַלְס קִינְד בִּין אִיךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע חֶבְרָה'לַייט; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער וָואס דֶער מְלַמֵד וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז לִמוּדֵי חוֹל הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אוּנְז, בִּיז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעהֵייסְן אַהֵיימְקוּמֶען נָאכְמִיטָאג בֶּעפָאר לִמוּדֵי חוֹל, אִיךְ זָאל זִיצְן נֶעבְּן אִים אִין כּוֹלֵל. [אִין מַיינֶע קִינְדֶער יָארְן אִיז דֶער מַצָב בַּיי לִמוּדֵי חוֹל גֶעוֶוען נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען פְלֶעגְט נֶעמֶען נִישְׁט הֵיימִישֶׁע מְלַמְדִים אוּן דִי קִינְדֶער פְלֶעגְן זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן; אַנְשְׁטָאט מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מֶען זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, הָאט מֶען זִיךְ אַרוּמְגֶעשְׁלָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער טָאג אַיין אוּן טָאג אוֹיס. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִין מֹחַ; אַ מְלַמֵד וָואס אִיז זִיכֶער בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִים פָאלְגְן אוּן מֶען גֵייט זִיצְן שֵׁיין אוּן שְׁטִיל, אוּן עֶר פַארְלַאנְגְט עֶס פוּן דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, קֶען בַּאוַוייזְן אַוֶועקְצוּשְׁטֶעלְן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה].

## לוּפְטֶער זִיךְ אוֹיס, אוּן זִי בְּלַייבְּט דִי בֶּעסְטֶע קִינְד

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה אִין בֵּית פֵיגָא. אֵיינֶע פוּן דִי לֶערֶערִינְס אִיז אֵיין טָאג אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּלֶע אוּן זִי זֶעט וִוי אֵיין קִינְד שְׁטֵייט אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, זִי וִויל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין, פְרֶעגְט אִיר דִי לֶערֶערִין: "**פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט אַרַיין אִין כִּתָּה?**" זָאגְט דָאס קִינְד: "**וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר הֵייס אִין כִּתָּה**", הָאט אִיר דִי לֶערֶערִין גֶעזָאגְט: "**גֵיי שְׁנֶעל אַרוֹיף אוֹיפְן דַאךְ, לוּפְטֶער זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיס, אוּן קוּם שְׁנֶעל צוּרִיק אַרַיין אִין כִּתָּה**".

וֶוען דִי אַנְדֶערֶע לֶערֶערִינְס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען. וַוייל מֶען וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט מַאכְן אַ גַאנְצֶע קְרִיגֶעַריי מִיט דֶעם קִינְד; 'וָואס הֵייסְט אַז עֶס אִיז הֵייס?! נָאר פַאר דִיר אִיז הֵייס? פַאר דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט הֵייס?' אוּן עֶס וָואלְט שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן דָאס קִינְד אוּן דִי לֶערֶערִין, אוּן דִי מַאמֶע וָואלְט שׁוֹין גֶעדַארְפְט אָנְרוּפְן דִי לֶערֶערִין אוּן דִי מְנַהֶלֶת... אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל, דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעדֶענְקְט אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִיר, זִי אִיז פָּשׁוּט אַ קִינְד אוּן זִי לֶעבְּט זִיךְ אִין אִיר וֶועלְטְל, אוּן יֶעצְט אִיז אִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז עֶס אִיז אִיר הֵייס... הָאט זִי אִיר אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט אוֹיפְן דַאךְ זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן, אוּן זִי אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן דִי בֶּעסְטֶע קִינְד פוּן כִּתָּה.

## עֶס קוּמְט זִיךְ אִים גָאר אַ גוּט וָוארְט

טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ קִינְד טוּט נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף, טְרַאכְט מֶען גְלַייךְ: 'מִן הַסְתָּם פִירְט עֶר זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, וַוייל עֶר וִויל מִיךְ אוֹיפְרֶעגְן', מֶען טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע בְּלִיק, מֶען דַארְף פְרֶעגְן דֶעם קִינְד: "**פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס גֶעטוּן?**" אוּן רוֹב מָאל וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטוּן וֶועגְן גָאר אַן אַנְדֶערֶע סִיבָּה.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען אַ מְלַמֵד הֵייסְט יֶעדֶער זָאל אוֹיפְמִישְׁן דִי סִידוּר, אוּן יֶעדֶער מִישְׁט אוֹיף זַיין סִידוּר אוֹיסֶער אֵיין אִינְגְל, טְרַאכְט שׁוֹין דֶער מְלַמֵד אַז דֶער אִינְגְל בְּלָאזְט אוֹיף אִים, אוּן מֶען טְרַאכְט שׁוֹין וִוי אַזוֹי אִים צוּ קַנְסְ'עֶנֶען, לְמַעֲשֶׂה אוֹיבּ וֶועט מֶען פְרֶעגְן דֶעם קִינְד: "**פַארְוָואס עֶפְנְסְטוּ נִישְׁט אוֹיף דַיין סִידוּר?**" קֶען זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַז דָאס קִינְד וֶועט עֶנְטְפֶערְן מִיטְן גַאנְצְן תְּמִימוּת: "**אִיךְ בִּין טָמֵא, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעוַואשְׁן מַיינֶע הֶענְט אוּן אִיךְ וֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג עֶפֶענֶען דִי סִידוּר**"... קוּמְט אוֹיס אַז דָאס קִינְד הָאט דָא בִּכְלַל נִישְׁט גֶעמֵיינְט קֵיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס קוּמְט זִיךְ אִים גָאר אַ גוּט וָוארְט וִוי שֵׁיין עֶר גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג זַיינֶע הֶענְט זָאלְן זַיין רֵיין בִּשְׁעַת מֶען דַאוֶוענְט.

## עֶר מֵיינְט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אַן אֵייטֶער פִּינְטְל

הֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד. אֵיין טָאג אִיז אַ מְלַמֵד אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה אוּן עֶר זֶעט אַז אֵיין קִינְד בְּלַייבְּט שְׁטֵיין בַּיי זַיין פְּלַאץ, עֶר וִויל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּזֶעצְן, דֶער מְלַמֵד הָאט גְלַייךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער קִינְד וִויל זִיךְ דָא אָפְּרֶעכֶענֶען מִיט אִים, וַוייל עֶר הָאט נֶעכְטְן גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם מְלַמֵד מֶען זָאל אִים טוּישְׁן אַ פְּלַאץ, אוּן דֶער מְלַמֵד הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, דֶערְפַאר זֶעצְט עֶר זִיךְ נִישְׁט הַיינְט אַרָאפּ. דֶער מְלַמֵד הָאט גֶעטְרַאכְט: 'אִיךְ גֵיי זַיין גֶענוּג קְלוּג נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּן דֶעם אַ גַאנְצֶע עֵסֶק, אִיךְ וֶועל זִיךְ מַאכְן כְּאִילוּ אִיךְ זֶע נִישְׁט וִוי עֶר שְׁטֵייט', אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִין זַיין הַארְץ הָאט זִיךְ אָנְגֶעצִינְדְן אַזוֹי וִוי אַזַא קְלֵיינֶע הֵייס וַואסֶער קֶעסְל פוּן כַּעַס.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער מְנַהֵל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה, עֶר גֶעבְּט אַ פְרֶעג דֶעם מְלַמֵד שְׁטִילֶערְהֵייט: "**וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם קִינְד?**" זָאגְט דֶער מְלַמֵד: "**עֶר בְּלָאזְט אוֹיף מִיר וַוייל נֶעכְטְן הָאט עֶר גֶעוָואלְט טוּישְׁן אַ פְּלַאץ אוּן אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַז עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן פוּן אִים וִוי אֵיידֶער אִיךְ זָאל אִים הֵייסְן זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן, אוּן עֶר וֶועט מִיר דָאךְ נִישְׁט פָאלְגְן, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ גַאנְצֶע קְרִיגֶעַריי צְוִוישְׁן אוּנְז**".

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער מְנַהֵל גֶעטְרָאפְן דֶעם קִינְד אִינְדְרוֹיסְן, פְרֶעגְט עֶר אִים: "**פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעזִיצְן גֶעהֶערִיג אִין כִּתָּה?**" זָאגְט דֶער קִינְד: "**וַוייל אִיךְ הָאבּ אַן אֵייטֶער פִּינְטְל, אוּן אִיךְ הָאבּ שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים וֶוען אִיךְ זִיץ דֶערוֹיף**".

קוּקְטְס וָואס דָא גֵייט פָאר; דֶער מְלַמֵד וִויל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַ קִינְד, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג פוּנֶעם קִינְד, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס אוֹיךְ אַ שְׁטִיקְל קְרִיגֶעַריי, וַוייל אִיגְנָארִירְן אַ קִינְד טוּט אוֹיךְ וֵויי פַארְן קִינְד, דָאס רוּפְט זִיךְ אַ שְׁטִילֶע קְרִיג. אוּן בֶּאֱמֶת הָאט דָאס קִינְד דָא גָארְנִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ טוּן עֶפֶּעס קֶעגְן דֶעם מְלַמֵד. דֶער מְלַמֵד וָואלְט אִים גֶעדַארְפְט פְרֶעגְן שְׁטִילֶערְהֵייט: "**פַארְוָואס זֶעצְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ? עֶפֶּעס שְׁטֶערְט דִיר? דַיין פוּס טוּט דִיךְ וֵויי?**"

## דֶער בָּחוּר וִויל שׁוֹין וַואשְׁן זַיינֶע וֶועשׁ...

הֶערְט נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה. אַ טָאג נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז אַ בָּחוּר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה זֵייעֶר שְׁפֶּעט, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאךְ חֲצוֹת, אוּן דֶער מַגִיד שִׁיעוּר בַּאמֶערְקְט וִוי אַ בָּחוּר גֵייט צוּ צוּ יֶענֶעם בָּחוּר אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: "**וֶוען אִיז חֲצוֹת?!**" דֶער מַגִיד שִׁיעוּר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעקָאכְט, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'פַארְוָואס מִישְׁט עֶר זִיךְ אַרַיין אִין זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט אִים, עֶר פַארְשֶׁעמְט אַ בָּחוּר בָּרַבִּים פַארְן קוּמֶען שְׁפֶּעט אִין יְשִׁיבָה, עַד כַּאן, מֶען מוּז שׁוֹין מְסַדֵר זַיין

דעם בחור!' דער מגיד שיעור האט זיך אבער גלייך דערמאנט דער כלל אז מען קען נישט נעמען קיין שריט פארן פרעגן, גייט ער צו צום בחור און פרעגט אים פריוואט: **"פארוואס פרעגסטו אים ווען עס איז חצות?!"** ענטפערט דער בחור: **"ווייל איך וויל וויסן אויב מען מעג שוין וואשן וועש נאך די ניין טעג!"**

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בחור האט נישט געמיינט צו זאגן מוסר פאר דעם בחור וואס איז געקומען שפעט, נאר אזוי ווי עס איז געווען מוצאי תשעה באב און מען פירט זיך צוווארטן ביז חצות צו וואשן וועש (כמבואר בשלחן ערוך אורח חיים סימן תקנ"ח, סעיף א', בטורי זהב ומגן אברהם שם), האט ער געפרעגט אויב עס איז שוין חצות, און מען מעג שוין וואשן וועש.

די מעשה האט פאסירט מיט א בחור, איז דאך א כל שכן וכל שכן ביי קינדער, אז מען קען נישט באשטראפן א קינד איידער מען רעדט צום קינד און מען פרעגט אים אויס זיין צד פון די מעשה.

### נישט ווערן איבערגענומען פון רחמנות'דיגע געפילן

מוהרא"ש האט דערציילט: אמאל איז א בחור - א תלמיד פון זיין ישיבה, אריינגעקומען צו אים, און עס האט געגאסן בלוט פון זיין נאז, זיין גאנצע העמד איז געווען רויט פון בלוט, עס האט אויסגעקוקט ווי איינער האט אים גע'רצח'ט, מוהרא"ש פרעגט אים: **"וואס איז געשען?"** ווייזט ער אויף א צווייטן בחור פון ישיבה אז יענער האט אים געשלאגן. מוהרא"ש איז גלייך געווארן זייער איבערגענומען, ער האט אריינגערופן דעם צווייטן בחור, און ער פרעגט אים: **"פארוואס שלאגסטו א בחור?!"** זאגט ער פאר מוהרא"ש: **"ער האט מיך דערשטיקט און איך האב נישט געקענט אטעמען, האב איך אים געגעבן א קליינע זעץ אין זיין נאז אז ער זאל מיך אפלאזן, און עס האט אים אנגעהויבן בלוטן פון זיין נאז..."**

מוהרא"ש האט דאס דערציילט פאר אונז צו ווייזן ווי מען דארף פאלגן די תורה און הערן ביידע זייטן, אפילו עס זעט אויס ממש ווי מען ווייסט דעם אמת.

דער אייבערשטער זאל העלפן, עטץ זאלטס האבן אסאך הצלחה און סייעתא דשמיא, אמן.

## בריון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

### חנוכה איז א יום טוב פון חינוך הבנים והבנות

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת וישלח, י"ד כסליו, שנת תשפ"ב לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר ברסלב, ליבערטי**

עס קומט שוין די הייליגע חנוכה טעג, דער הייליגער יום טוב.

מוהרא"ש האט זייער אסאך גערעדט מיט אונז אז חנוכה איז א יום טוב פון חינוך הבנים והבנות, דעריבער דארף מען זייער אכטונג געבן צו זיין צייטליך אין שטוב צינדן מיט די אינגלעך ביים זמן, זעקס אזייגער זאלסטו שוין שטיין מיט'ן שמש זאגן דעם לשם יחוד; מאך אלע הכנות פאראויס, מקוה וכדומה, אלעס זאלסטו טון פריער אין טאג אז ביים זמן זאלסטו שוין צינדן.

זיץ ביי די ליכט; קודם זינג די זמירות, נאכדעם זאלסטו דערציילן דיינע קינדער פון די נס חנוכה און אונזער נס אז מיר ווייסן פון רבי'ן, נאכדעם זאלסטו זיך מתבודד זיין; מוהרא"ש זאגט, ביי די לעכט איז א צייט פון פועל'ן ישועות.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת מקץ תשפ"ב)

### מאך נישט קיין אנגעצויגענע מצב אין שטוב

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת וישב, כ"ד כסליו, שנת תשפ"ד לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דיין ווייב ליידט פון דיר, און נאך מער ליידט זי ווען עס קומט די הייליגע צייטן ווי שבת און יום טוב; דו מאכסט די גאנצע שטוב פאר איין שטיק נערוועז, דו פארלאנגסט די שטוב זאל זיין ריין צוזאמגענומען, דו פארלאנגסט פון איר זי זאל זיין גרייט ווען דו ווערסט גרייט, און אז זי קען נישט זיין אזוי שנעל און גרייט ווען דו ווערסט גרייט - הייבסטו אן שרייען השם ישמרינו, די קינדער כאפן א שרעק, דו מאכסט משוגע די גאנצע הויז.

איך בעט דיך זייער, מאך נישט קיין אנגעצויגענע מצב אין שטוב, חנוכה איז א פרייליכע צייט, שבת און יום טוב איז א צייט וואס די שכינה הקדושה קומט אין אידישע שטיבער, און מיט כעס פארטרייבט מען איר.

אז דו קומסט אהיים און זאכן פליען, עס איז נישטא קיין זכר פון חנוכה - זאלסטו ארויפבייגן דיינע ערמל און העלפן; העלף איר מיט די קינדער, העלף רוימען די שטוב מיט שמחה.

אפשר ווייל דו שרייסט אויף דיין ווייב איז נישטא קיין ברכה אין דיין געלט?

גיי שריי צום אייבערשטן: "אייבערשטער איך האב מיט די נערוועז און איך גיס עס אויס אין שטוב, הצלינו, ראטעווע מיך".

איך זאג דיר צו, אז דו וועסט רעדן פון הינט אן שיין אין שטוב מיט דיין ווייב - וועסטו ביז א קורצע צייט ארויסגיין פון אלע חובות און האבן גרויס שפע.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א פרייליכן חנוכה.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת מקץ תשפ"ד)

### חנוכה, א יום טוב מיט די קינדער

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, כ"א כסליו, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

מיר קומען נענטער צום הייליגן יום טוב חנוכה; חנוכה איז א צייט פון חינוך, טון דאס פארקערטע וואס די יונים האבן געוואלט טון - אויסרייסן די אמונה; דארפן

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

מִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפָּארְן חֲנוּכָּה קַיין אוּמַאן וֶוען מֶען הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ, זֶען וִוי דִי טַאטֶע צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה.

זֶע אַוֶועקְצוּלֵייגְן אַלֶע דַיינֶע בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְגֶען, זָאלְסְט זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ אָנְצוּצִינְדְן דִי מְנוֹרָה בַּיים זְמַן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. וַואשׁ זִיךְ דִי הֶענְט פַאר'ן צִינְדְן און וַואשׁ דִי הֶענְט פוּן דִי קִינְדֶער, גְרֵייט אָן אַ מְנוֹרָה פַאר יֶעדְן קִינְד; מֵיידְלֶעךְ צִינְדְן נִישְׁט, נָאר אִינְגְלֶעךְ (קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען צִינְדְן). טוּ זִיךְ אָן אַ שְׁטְרַיימְל און בֶּעקִיטְשֶׁע, זִינְג דִי זְמִירוֹת און זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל, עַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְעַל יְשׁוּעָתֶיךָ.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב תשפ"א)

## צִינְד דִי מְנוֹרָה מִיט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, מִיר גֵייעֶן אָנְצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט. בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז מִיר טוּעֶן אָן שְׁטְרַיימְל און בֶּעקִיטְשֶׁע, מֶען וַואשְׁט דִי הֶענְט (אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ כַאפְּן אַ טְבִילָה - אִיז גָאר גוּט), מֶען זָאגְט דִי לְשֵׁם יִחוּד, און נָאכְן צִינְדְן זִיצְט מֶען כָאטְשִׁיג אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת און מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; מֶען בֶּעט פַאר זִיךְ, מֶען בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער און פַאר אַלֶע אִידְן.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער, זִינְגֶען און טַאנְצְן, פַּאטְשְׁן און קְלַאטְשְׁן, עֶס מוּז צוּגֵיין מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. און שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דִי קִינְדֶער לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן - קֶען מֶען זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן מִיט אַ לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת און בֶּעטְן און וֵויינֶען.

אַז דוּ וֶועסְט צִינְדְן מִיט שִׂמְחָה - וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר דִי אוֹר הַגָּנוּז וָואס וֶוערְט נִתְגַּלֶה בַּיים צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב תשפ"ד)

## אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי מִצְווֹת פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי מִצְווֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. גֶעבּ זִיךְ אַ בַּארֶעכְן וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר, וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ דִיר, מַאךְ זִיךְ אַ שְׁנֶעלֶע חֶשְׁבּוֹן, וִויפִיל בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים... וִויפִיל מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען - וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען גֶענוּג דַאנְקֶען פַאר זַיינֶע חֲסָדִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה", דִי חֲנוּכָּה טֶעג אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֶסֶד וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, און וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט אִים, וִוי מֶער מֶען לוֹיבְּט אִים - וֶוערְט מֶען מֶער נֶענְטֶער צוּ אִים.

וֶוען דוּ צִינְדְסְט דִי מְנוֹרָה - צִינְד מִיט שִׂמְחָה; מַאךְ נִישְׁט קֵיין נֶערְוְועַן מִיט קֵיין לַחַץ, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע פַארְלֵייגְן. גֶעדֶענְק, גָארְנִישְׁט מוּז זַיין, גָארְנִישְׁט דַארְף זַיין, נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת - אוֹיף שִׂמְחָה; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה.

אַוַדַאי דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין אוֹיף הֲלָכָה, צוּ צִינְדְן אִין צַייט בַּיים זְמַן, אָבֶּער אַז מֶען קוּמְט אַהֵיים און זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גְרֵייט - טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, שְׁלָאגְן און שְׁרֵייעֶן. אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי מִצְווֹת פְרֵיילִיךְ - וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְווֹת, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי מִצְווֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי זְמִירוֹת אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, אָבֶּער נָאר אַז דָאס אִיז אָן נֶערְוְועַן, מֶען טָאר נִישְׁט צִיפְּן דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זִינְגֶען נִישְׁט מִיט, מֶען קֶען נִישְׁט און מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן פוּן דִי מִצְווֹת אַ צַייט פוּן שְׁלָאגְן און טֶערָארֶעזִירְן, עֶס דַארְף זַיין מִיט אַ שִׂמְחָה וְדַ"ל.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת מִקֵּץ תשפ"ג)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876